# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן
דורך בני אמונים



## מאוצרות אמונים
## פערל ווערטער איבער אמן און תפילה אין די פרשה

### די תפילה טוישט אויף די גזירה

"וְכָל מַדְוֵי מִצְרַיִם הָרָעִים אֲשֶׁר יָדַעְתָּ לֹא יְשִׂימָם בָּךְ וּנְתָנָם בְּכָל שֹׂנְאֶיךָ" (ז טו)

מ'דארף פארשטיין: וואספארא ברכה ליגט אין: "וּנְתָנָם בְּכָל שֹׂנְאֶיךָ", עס איז דען נישט גענוג די ברכה פון: "לֹא יְשִׂימָם בָּךְ"?

ערקלערט רבי ר' מאיר'ל מפרעמישלאן:

אין משנה (ברכות לד ב) ווערט דערציילט אויף רבי חנינא בן דוסא אז נאך וואס ער האט געדאוונט אויף קראנקע, האט ער געזאגט: "זה חי" - ווען זיין תפילה איז אנגענומען געווארן, "וזה מת" - ווען זיין תפילה איז נישט אנגענומען געווארן. לכאורה, אין א פאל וואס זיין תפילה האט נישט אויפגעטון און אויף דעם קראנקן איז נגזר געווארן צו שטארבן, פארוואס האט ער עס געדארפט דערציילן, די חכמים זאגן דאך (פסחים ג ב) אז אויף דער וואס דערציילט שלעכטע בשורות איז געזאגט געווארן דער פסוק (משלי י יח): "ומוציא דבה הוא כסיל"? נאר מ'קען זאגן אז ווייל רבי חנינא האט געוואוסט אז די קראנקייט קען נישט אינגאנצן פארהוילן ווערן פון דער וועלט, נאר מיטן כח התפילה קען מען עס אריבערפירן פון א איד צו א גוי. דעריבער האט ער געדאוונט: "זה [דער איד] חי" "וזה [דער גוי] מת" - אנשטאט אים.

מיט דעם קען מען אויך טייטשן דעם פסוק: "וְכָל מַדְוֵי מִצְרַיִם... לֹא יְשִׂימָם בָּךְ", און אויך אויב עס וועט חלילה נגזר ווערן אויף דיר א קראנקייט - "וּנְתָנָם בְּכָל שֹׂנְאֶיךָ".

אויך דער נוסח פון 'ונתנה תוקף' קען מען אזוי טייטשן: "ותשובה ותפילה וצדקה **מעבירין** את רוע הגזרה" - אריבער פירן פון די אידן אויף די קעפ פון זייערע שונאים.

אמאל האט **רבי יעקב אדלשטיין** זיך אויסגערעדט זיין הארץ פאר **רבי משה יעקב ראביקאוו** וואס איז באקאנט מיטן נאמען דער הייליגער 'שוסטער', אז זיינס א נאנטע פון זיין פאמיליע איז שטערבערליך קראנק און די דאקטורים קענען איר נישט היילן, האט דער 'שוסטער' אים געזאגט: "זאג איר זאל ארויסגיין אין גאס און אויפזוכן עפעס א גוי, און זי זאל צו אים צוגיין און זאגן: 'נעם דיר במתנה מיין קרענק...'".

די פרוי האט אזוי געטון, און איר צושטאנד איז באלד פארבעסערט געווארן ביז זי איז אינגאנצן אויסגעהיילט געווארן. ווי עס זעהט אויס איז די קראנקייט אריבער צו דעם גוי וואס זי האט באגעגנט.

'מרגניתא דרבי מאיר'; 'לקוטי רבי משה יעקב' ח"א בראש הספר

### געדענקען דעם אייבערשטן טראץ די אייגענע כח

"וְזָכַרְתָּ אֶת ה' אֱלֹקֶיךָ כִּי הוּא הַנֹּתֵן לְךָ כֹּחַ לַעֲשׂוֹת חָיִל" (ח יח)

ערקלערט דער '**כתב סופר**':

די מענטשן וואס כאטש זיי פלאגן זיך נאר אביסל זענען זיי זוכה צו א געוואלדיגע ברכה, פארשטייען זיי זיכער אז זייער פרנסה איז פון הימל, און עס איז נישט קיין חשיבות אז זיי טון איינערקענען: "כִּי הוּא הַנֹּתֵן לְךָ כֹּחַ לַעֲשׂוֹת חָיִל". אבער די וואס שפייזן זיך דורך זייער פלאג און שווערע ארבעט, און פון דעסוועגן טון זיי איינערקענען אז זייער פרנסה איז פון הימל - דאס ווייזט זיכער אויף זייער שטארקע אמונה.

אויף זייער גרויסע מעלה זענען חז"ל מרמז מיטן זאגן (שבת קיט ב): "כל העונה אמן **בכל כוחו** פותחין לו שערי גן עדן". ד.מ.: ווער עס פלאגט זיך אויף זיין פרנסה "בכל כוחו", און פון דעסוועגן "עונה אמן" - מיט די ריכטיגע אמונה אז אלעס איז נאר פון הימל, וועט זיכער זוכה זיין אפגעהיטן ווערן פון זינד און די טויערן פון גן עדן וועלן זיין אפן פאר אים.

שו"ת 'כתב סופר' או"ח כט

### זאגן 'אמן' הייליגט דעם מענטש

"אֶת ה' אֱלֹקֶיךָ תִּירָא אֹתוֹ תַעֲבֹד וּבוֹ תִדְבָּק" (י כ)

דער '**מנחת אלעזר**' פון מונקאטש האט געזאגט:

דיווארט 'אמן' האט א ספעציעלע קדושה, און דאס עצם ארויסזאגן מיטן מויל ציט דאס הארץ פון א מענטש זיך באהעפטן מיטן באשעפער. און דאס האבן די חכמים מרמז געווען אין די מאמר (ברכות נג ב): "גדול העונה אמן יותר מן המברך" - דער וואס ענטפערט אמן ווערט געהייליגט מער פון דער מברך.

דאס איז אויך מרומז אין דער לשון הפסוק (שה"ש א ד): "מָשְׁכֵנִי אַחֲרֶיךָ נָּרוּצָה הֱבִיאַנִי הַמֶּלֶךְ חֲדָרָיו". "מָשְׁכֵנִי אַחֲרֶיךָ נָּרוּצָה" איז ר"ת 'אמן', דיך צו לערנען אז ענטפערן אמן ציט דאס הארץ פון א מענטש נאכלויפן און זיך באהעפטן צום אייבערשטן, און דורך דעם איז ער זוכה צו די מדרגה פון: "הֱבִיאַנִי הַמֶּלֶךְ חֲדָרָיו".

'דברי תורה' מהדורה תשיעאה אות יח

דורשי רשומות האבן צוגעלייגט: די צווייטע אותיות אין די ווערטער: מָשְׁכֵנִי אַחֲרֶיךָ נָּרוּצָה, זענען 'שחר', דיך צו לערנען אז ענטפערן אמן נאך די ברכות השחר וואס מיט דעם הייבט אן א איד זיין טאג, האט א ספעציעלן כח ציהען דאס הארץ פון א מענטש צו דעם אייבערשטן.

ראה 'עיני העדה' שיר השירים א ד

### זאט פון די ברכה, און נישט פון עסן

"וְאָכַלְתָּ וְשָׂבָעְתָּ וּבֵרַכְתָּ אֶת ה' אֱלֹקֶיךָ" (ח י)

זאגט דער הייליגער רוזשינער:

"ואכלת, ושבעת" - פון: "וברכת"; א איד דארף זאט ווערן פון די ברכה און נישט פון די עסן.

'מכתבי אליהו' [בארדיטשוב תרנ"ד] שערי היחוד והאמונה סוף פ"א

### 'ימין ה' עושה חיל'

"וְאָכַלְתָּ וְשָׂבָעְתָּ וּבֵרַכְתָּ אֶת ה' אֱלֹקֶיךָ...; הִשָּׁמֶר לְךָ פֶּן תִּשְׁכַּח אֶת ה' אֱלֹקֶיךָ..." (ח י-יא)

טייטש דער '**כתב סופר**':

פון די פסוקים וואס שטייען דא נאנט זעהט אויס אז די מצוה פון זאגן א ברכה נאכן עסן איז כדי איינווארצלען אין אונזערע הערצער אז אונזער פרנסה און שפייז זענען נישט אנגעהאנגען אין 'כוחי ועוצם ידי', נאר אינעם בורא עולם וואס געבט אונז כח צו פארדינען.

דעריבער זאגן חכמים (ברכות נא א) אז דער וואס בענטש אויפן כוס דארף עס אנכאפן בשעת די ברכה אין זיין רעכטע האנט, ווייל מיט דעם איז ער מגלה דעת אז זיין פרנסה איז נישט צוליב זיינע הענט, נאר: "ימין ה' עשה חיל" (תהילים קיח טו).

שו"ת 'כתב סופר' או"ח כט

### דער וואס זאגט א ברכה באקומט שכר אויף די עצם ברכה

"אֶת ה' אֱלֹקֶיךָ תִּירָא אֹתוֹ תַעֲבֹד" (י כ)

לויטן '**ספר החינוך**' (מצוה תלג) דער פסוק: "אֹתוֹ תַעֲבֹד" איז דער מקור אויף די מצוה פון תפילה, אזוי ווי די חכמים זאגן (תענית ב א): "איזוהי עבודה שבלב... זו תפילה".

א אייגנארטיגע פשט פארוואס תפילה ווערט אנגערופן 'עבודה שבלב' ברענגט דער **מהרי"ל דיסקין** אין נאמען פון זיין פאטער רבי בנימין דער הוראדנער רב:

טראכט אריין, א הער וואס שפייזט זיינע קנעכט, און אויסער דעם צאלט ער זיי עקסטערע שכר אויף דעם וואס זיי בעטן פון אים ער זאל זיי שפייזן - זיכער וועט יעדער וועלן ארבעטן אונטער אים! לויט דעם: תפילה ווערט אנגערופן 'עבודה שבלב', ווייל אזא 'עבודה' גלוסט די הארץ.

לויט דעם האט דער מהרי"ל ערקלערט דעם שבח וואס מיר זאגן אין די ימים הנוראים אין דער פיוט 'וכל מאמינים': "הזוכר למזכיריו טובות זכרונות" - הקדוש ברוך הוא געדענקט און צאלט א ספעציעלע טובה, פאר די וואס "טובות זכרונות" - וואס געדענקען די טובות וואס ער האט געטון מיט זיי און לויבן אים אויף דעם.

'מהרי"ל דיסקין' עה"ת פר' ראה


"וְעַתָּה יִשְׂרָאֵל מָה [מֵאָה] ה' אֱלֹקֶיךָ שֹׁאֵל מֵעִמָּךְ"

**טייערער איד**
די מצוה פון 'מאה ברכות' נעמט אונז ארום א גאנצן טאג; פון די 'ברכות השחר' וואס מ'האט זיי ספעציעל מתקן געווען כדי מיר זאלן אנקומען צו די צאל פון מאה ברכות יעדן טאג (טור או"ח מו) ביז די לעצטע ברכות וואס מיר זאגן אין סוף טאג.

**נעם אריין אין דיין הארץ וואס רבינו בחיי שרייבט אין אונזער פרשה (דברים ח י) אז הקב"ה דארף נישט צוקומען צו אונזערע ברכות, נאר מיר דארפן צוקומען צו זיי. זיי באשיצן אונז פון אלע צרות און ברענגען אלע גוטע השפעות.**

**מאה ברכות יעדן טאג - געלאסן, מיט כוונה און מיט א חברותא.**



# תענה אמונים

געדאנקען לויט די סדר
פון דאווענען

## לערנען די פסוקים פון ברכת כהנים (א)

### לערנען באלד נאך ברכת התורה

עס איז א באקאנטע הלכה, אז אלע ברכות המצוות זאגט מען נאנט פארן מקיים זיין די מצוה וואס אויף דעם זאגן מיר די ברכה, אן עס זאל זיין א הפסק צווישן די ברכה און די מצוה - 'עובר לעשייתן' (פסחים ז ב). אויך נאך וואס מיר זאגן א ברכה אויף די מצוה פון לימוד תורה דארף מען אביסל לערנען, כדי צו מקיים זיין די מצוה פון לימוד התורה באלד נאכן זאגן די ברכה (זעה: שו"ע או"ח מז ט; משנ"ב שם יט). צוליב דעם האבן די מסדרי התפילה מתקן געווען אז גלייך נאך ברכות התורה זאל מען לערנען עטליכע פסוקים פון תורה. די קדמונים (זעה תוספות ברכות יא ב ד"ה שכבר) האבן אויסדערוועלט די פסוקים פון 'ברכת כהנים' וואס די כהנים בענטשן די אידן אזוי ווי זיי זענען באפוילן געווארן. אין די 'ברכת כהנים' זענען דא דריי פסוקים, און דריי פסוקים ווערט גערעכנט פאר א חשוב'ע לימוד וואס איז פאסיג צו זאגן א ברכה דערויף, אזוי ווי מיר טרעפן אז דער וואס איז עולה לתורה דארף צום ווייניגסטנ'ס ליינען דריי פסוקים ('דברי חמודות' [פון תוי"ט] על הרא"ש ברכות פ"א אות עה).

עס זענען דא וואס פירן זיך זאגן די גאנצע קאפיטל פון 'ברכת כהנים' פון "וידבר" ביז "ואני ואברכם", עס זאל זיך דערקענען אז מיר זאגן די פסוקים צוליב די מצוה פון לערנען, און נישט אלץ א תפילה און א ברכה (סידור 'צלותא דאברהם' עמ' יד).

### פארוואס פונקט 'ברכת כהנים'?

אסאך טעמים זענען געזאגט געווארן פארוואס פונקט די פסוקים זענען אויסדערוועלט געווארן צו מקיים זיין די מצוה פון לערנען נאך די ברכה, פאלגנד וועלן מיר ברענגען עטליכע פון זיי (אין ספר 'יברכך ה'' אין די הקדמה ברענגט ער 26 טעמים אויף דעם):

רבי אברהם הירחי האט ערקלערט, ווייל ביי די ברכות התורה זאגן מיר א ברכה סיי אויף תורה שבכתב און סיי אויף תורה שבעל פה (ראה שו"ע או"ח מז ב), דעריבער האט מען אויסדערוועלט די פסוקים וואס האבן אין זיך זעכציג אותיות, אקעגן די זעכציג מסכתות פון ש"ס ('ספר המנהיג' תפילה יג).

אין ספר 'סדר היום' (ברכות השחר) ערקלערט ער, מ'האט אזוי מתקן געווען "אנהייבן די לערנען מיט א גוטע זאך און א ברכה, כדי מיר זאלן געבענטשט ווערן פון השם יתברך מיט א ברכה שלימה מיר זאלן קענען לערנען תורה ווי עס דארף צו זיין אן קיין שוועריקייטן".

נאך שטייט, מ'האט מתקן געווען זאגן די פסוקים וואס אויף די קליינע און די פשוטי העם קענען עס זאגן, אז דורך דעם זאלן זיי אויך יוצא זיין דער חוב פון לימוד התורה, "ווייל מיט דעם זענען גלייך גאנץ כלל ישראל אז זיי זאגן עס אזוי ווי לערנען" ('אשל אברהם' [פון ראב"ד מבוטשאטש] מז א).

### דריי פסוקים - א אוצר פון ברכות

די ברכת כהנים איז צוטיילט אויף דריי פסוקים, וואס זענען כולל אין זיך אלע ברכות וואס פעלן אויס פארן מענטש: דער ערשטער פסוק איז כולל אין זיך א ברכה אויף גשמיות'דיגע ענינים. דער צווייטער פסוק - א ברכה אויף ענינים רוחניים, און די דריטע איז 'ברכת השלום'. אבער אין אמת'ן, 'ברכת כהנים' איז כולל אין זיך זעקס ברכות, ווייל אין יעדער פסוק זענען דא צוויי ברכות:

א. "יברכך". ב. "וישמרך". ג. "יאר" ד. "ויחנך". ה. "ישא". ו. "שלום" (לבוש או"ח קכח מה; משנ"ב שם קע).

אסאך פירושים זענען געזאגט געווארן אין די ברכה, וואס יעדע ווארט פון דעם ענהאלט אין זיך אסאך באדייטן, אין די ראם וואס מיר רעדן איבער די ברכות השחר, וועלן מיר משתדל זיין ברענגען נאר די יסודות וואס זענען ערקלערט געווארן אין די ווערטער פון חז"ל, "ואידך - פירושה הוא, זיל גמור".

### 'אם אין קמח - אין תורה'

אין די ערשטע ברכה - "יברכך ה'" בענטשן די כהנים די אידן אז אין זייער פארמעגן זאל הערשן א ברכה (רש"י במדבר ו כד, ע"פ במ"ר יא ה). די ברכה לערנט אונז אז די הצלחה פון א מענטש איז אנגעהאנגען אין הימל; ער קען טון השתדלות און הארעווען, אבער אין ענדע "עצת ה' היא תקום". די חכמים (שם) האבן פארברייטערט די באדייט פון די ברכה, אז אין די ווארט 'יברכך' זענען נכלל אלע ברכות וואס זענען דערמאנט אין פרשת כי תבא (דברים כח א-יד).

עס איז קלאר אז דער הויפט ציל פון א איד דארף זיין די רוחניות'דיגע ענינים און נישט קיין גשמיות. אבער אין אמת'ן די גשמיות האט א השפעה אויף די רוחניות'דיגע הצלחה, אזוי ווי די חכמים זאגן (אבות ג טו): "אם אין קמח אין תורה", וועגן דעם האט מען אויף דעם מקדים געווען א ספעציעלע ברכה ('ספורנו' שם).

### א ברכה און א שמירה דערנעבן

די צווייטע ברכה אין דער פסוק - "וישמרך", איז משלים די ברכה פון עשירות פון פריער; נישט ווי א מלך בשר ודם וואס נאכן געבן א מתנה פאר זיין קנעכט קען ער אים נישט צוזאגן אז די מתנה וועט ביי אים אפגעהיטן ווערן - אבער הקדוש ברוך הוא איז דער 'כל יכול', ער האט די מעגליכקייט שענקען און געבן מידו הרחבה והמלאה, און שפעטער עס אויך אכטונג געבן און באשיצן פון די וואס ווילן עס אוועק כאפן (רש"י שם, ע"פ במ"ר שם).

נאך דרש'ענען די חכמים (שם) "'וישמרך' - מיצר הרע". אויך די ברכה איז א וויכטיגע טייל פון די פריערדיגע ברכה, ווייל דער וואס איז געבענטשט געווארן מיט עשירות קען שנעלער איבערגערעדט ווערן דורך דעם יצר הרע, אזוי ווי עס שטייט (משלי ל ט): "פֶּן אֶשְׂבַּע וְכִחַשְׁתִּי וְאָמַרְתִּי מִי ה'", דעריבער בענטשן אים די כהנים אז כאטש ה' וועט אים בענטשן מיט פארמעגן, וועט ער אים אויך אפהיטן פון יצר הרע ('עמק הנצי"ב' נשא פי' מ).

מער פון דעם: אויסער וואס ער דארף א עקסטערע שמירה ער זאל נישט זינדיגן, דארף ער אויך א ספעציעלע ברכה, ער זאל זיך באנוצן מיט זיין עשירות אויף דעם תכלית וואס אויף דעם איז עס באשטימט געווארן - אלץ א הילף צו קענען מקיים זיין תורה און מצוות. דעריבער האבן די חכמים צוגעלייגט (במ"ר שם) "'וישמרך' - שתעשה ממנו מצוות", ער זאל זיך באנוצן מיט זיין געלט אויף צדקה וחסד, און דורך דעם וועט ער זוכה זיין אז דער אייבערשטער וועט משפיע זיין אויף אים זיין ברכה (חידושי הרד"ל שם).

# מעשה אמונים

א וועכנטליכע ערציילונג
אויף אמן און תפילה

## צוויי נירן און א כלה - אין זכות פון איין 'אמן'

אויך די פאלגנדע ערציילונג האט דערציילט הרב יואל גאלד שליט"א פון די רבנים אין **לאס אנדזשעלעס**, וואס די ערציילונג האט ער געהערט פונעם בעל המעשה אליין, ר' פרדי בטיש, וואס וואוינט אין אמעריקא:

דער ערציילונג האט זיך אנגעהויבן אין ארץ הקודש, נאך וואס ער האט זוכה געווען צו לערנען דריי יאר אין א ישיבה און זיך מתחזק זיין אין תורה און מצוות. איין טאג האט ער פלוצלינג אנגעהויבן זיך נישט גוט פילן, פון טאג צו טאג האט זיך זיין מצב פארערגערט. אין אנהייב איז דאס געווען קאפ ווייטאג, און נאכדעם האט נאכאנאנד אויסגעבראכן זיין עסן וואס דאס האט אים אינגאנצן אפגעשוואכט, אזוי ווייט אז ביז א קורצע צייט האט ער פארלוירן ארום פופצן קילא פון זיין וואג. יעצט האט ער שוין אנגערופן זיין מאמע איר דערציילן זיין געזונט צושטאנד, הערנדיג זיינע ווערטער האט זי שנעל געקויפט א טיקעט צו פליען קיין ארץ ישראל.

ווען די מוטער איז אנגעקומען קיין ארץ ישראל, איז איר גענוג געווען צו כאפן איין בליק אויף איר זון צו פארשטיין אז עפעס נישט גוט גייט אריבער אויף איר באליבטן זון. זי איז שנעל געפארן מיט אים אין שפיטאל.

אין די עמערדזשענסי רום איז פרדי אריבער גרונטליכע אונטערזוכונגען. די תשובות האבן נישט פארשפעטיגט צו קומען, אבער די דאקטורים וואס זענען געווען דערשטוינט פון די אומפארשטענדליכע רעזולטאטן, דעריבער האבן זיי געבעטן מ'זאל נאכאמאל מאכן די אלע ערליי טעסטן. אבער דערנאך וואס די רעזולטאטן זענען דאס מאל געווען פונקט ווי די ערשטע מאל, האט דער דאקטער נישט געהאט קיין אנדערע וועג נאר צו דערציילן פאר פרדי און זיין מאמע די שווערע בשורה: די נירן פון פרדי האבן אויפגעהערט פונקציאנירן, און פון יעצט און ווייטער דארף ער צוקומען צו די דיאליזע מאשין.

פון א יונגער געזונטער בחור, איז פרדי פלוצלינג געווארן א קראנקער וואס איז אנגעהאנגען אין די דיאליזע מאשין און שלאגט זיך אויף זיין לעבן. פרדי איז צוריק קיין אמעריקא און זיין נאמען איז באלד אריין אין די ליסטע פון די ווארטן אויף א ניר - א לאנגע ליסטע פון ארום הונדערט טויזנט מענטשן וואס ווארטן אזוי ווי ער.

דורכשניטלעך האט ער געדארפט ווארטן ארום אכט יאר ביז עס וועט אנקומען זיין רייע. אבער פרדי האט געוואוסט אז די וואס ליידן אויף די נירן קענען נישט עקזיסטירן מער פון פינף יאר, אויב אזוי האט ער זיך גענויטיגט אין א נס ער זאל בלייבן ביים לעבן.

*

פרדי האט ליב געהאט ליינען, און ווען ער האט געזען דער ספר וואס האט ערשיינט אין יענע צייט, מיטן נאמען: 'רק מילה אחת - אמן!', האט ער עס גענליינט מיט דארשט פון דעקל צו דעקל. דער ספר רעדט פון די כח התפילה און פון ענטפערן 'אמן', און צווישן זיינע בלעטער האט פרדי אנטפלעקט די באגריף וואס ווערט אנגערופן 'סעודת אמנים'. ער האט געוויזן דעם ספר פאר זיין מאמע, און זיין מאמע איז אונטערגעצינדן געווארן פון דער געדאנק, זי האט געגלייבט אז ס'קען זיין אז אין זכות פון די מצוה וועלן זיי זוכה זיין צו א ישועה, און האט באשלאסן באלד ארגאניזירן א 'מסיבת אמנים' צום זכות פון פרדי ער זאל האבן א רפואה שלמה.

אויפצומארגנ'ס איז די מוטער פון פרדי אנגעקומען אין די שול פון זייער געגנט, און נאך וואס דער רב האט געענדיגט איבערגעבן זיין וועכנטליכן שיעור, האט זי זיך געוואנדן צו די פרויען וואס זענען געזיצן אין ווייבער-שול און זיי געפרעגט עפענטליך: "מיין זון פילט זיך נישט גוט, איך בין אינטערעסירט ארגאניזירן א 'סעודת אמנים' אלץ א סגולה אויף א רפואה - איינע פון די וואס זיצן דא קען מיר אפשר העלפן אנגרייטן די סעודה?!". א יונגע ערליכע מיידל האט זיך באלד אויפגעשטעלט און זיך אנגערופן אז מיט גרויס שמחה איז זי גרייט איר צו העלפן.

אין א קורצע צייט האט די מאמע פון פרדי מיט די הילף פון די יונגע מיידל וואס האט זיך אנגעטראגן איר צו העלפן שנעל אנגעגיזירט א 'סעודת אמנים' כיד המלך. הונדערט און צוואנציג פרויען האבן זיך באטייליגט ביי די סעודה, ווען יעדע איינע אין איר רייע זאגט א ברכה אויף פארשידענע ערליי עסנווארג, און אלע ענטפערן נאך איר אמן.

די סעודה איז אפגעראכטן געווארן מיטוואך, און דריי טעג שפעטער, אינמיטן די שבת'דיגע סעודה, האט די טעלעפאן געקלינגען מיט איבערראשונג.

פרדי דערציילט: "מיר זענען געזיצן אינמיטן די שבת'דיגע מיטאג סעודה, און פלוצלינג האבן מיר געהערט דעם טעלעפאן קלינגען עטליכע מאל, ווען נאכדעם האט אויפגעהויבן די ענטפערינג מאשין (ענטסערינג מאשין - משיבון האוטומטי). און עס האט זיך געהערט א שטימע פון א פרוי וואס טוט מעלדן פאר פרדי מיט דעם לשון: "האסט געווינען די לאטערי...! מיר האבן געטראפן די פאסיגע ניר פאר דיר!".

צוליב פיקוח נפש האט פרדי אויפגעהויבן דעם טעלעפאן, דאס איז געווען די סעקראטערן פון די 'נירן איבערפלאנצונג' אפטיילונג אין שפיטאל, זי האט דערציילט פאר פרדי אז פאר א קורצע צייט איז אין טעקסאס נפטר געווארן איינער וואס זיין ניר איז זייער פאסיג פאר פרדי, און ער מוז שוין קומען צו פליען אין שפיטאל.

"מ'האט דיך אריבער געפירט זיין דער ערשטער אין די ליסטע, ווייל די די. ען. עי. פון די ניר איז דאס מערסטע פאסיג צו דיין ניר, אזוי ווי עס ווערט אנגערופן אין די שפראך פון די דאקטורים: "זעקס אנטי-גענעס".

"נישט סתם האב איך געזאגט אז דו האסט זוכה געווען אין די לאטערי" - האט זי צוגעלייגט, "ווייל די אויסזיכטן עס זאל זיין אינגאנצן צוגעפאסט פון אלע זעקס אנטי-גענעס, זענען איינס פון צעהן מליאן - פונקט אזוי ווי צוטרעפן די אלע זעקס נומערן פון די לאטערי".

פיר און צוואנציג שעה'ן נאכדעם האט פרדי שוין געהאט א נייע ניר. ער האט זוכה געווען צו א נייע לעבן. זיינע כוחות זענען אים צוריק געקומען און ער איז ווייטער געווען דער יונגער פרישער ענערגערישער בחור אזוי ווי אמאל.

אלץ הכרת הטוב, האט די מוטער פון פרדי אנגעקלינגען פאר די מיידל וואס האט איר געהאלפן אנגעניזירן די 'מסיבת אמנים' און איר דערציילט די וואונדערליכע ישועה, און אינמיטן די אייגענעמע שמועס איז איר ארויף געקומען א געדאנק...

נאכן ענדיגן רעדן מיט איר, האט זי זיך פארבינדן מיט די פאמיליע פון די מיידל, און אנגעטראגן איר זון פאר זייער טאכטער. דריי חדשים נאכדעם איז דער שידוך געשלאסן געווארן למזל טוב.

צען יאר זענען אדורך פון דעמאלטס, אין לויף פון די אלע יארן, האט פרדי מיט זיין פרוי זיך שטארק אפגעגעבן מיט די מצוה פון ענטפערן 'אמן', ווי עס וואלט געווען זייער'ס א קינד.

די וואונדערליכע ערציילונג וואלט זיך געקענט דא ענדיגן און איבערלאזן צווישן די ליינער א וואונדערליכער איינדרוק איבער די כח פון ענטפערן 'אמן'. אבער די השגחה האט אנדערש געוואלט און צוגעשטעלט א פארזעצונג, נישט ווייניגער אינטערעסאנט פון ביז יעצט.

נאך ארום צען יאר פון די איבערפלאנצונג, האט פרדי ווייטער אנגעהויבן זיך נישט גוט פילן, רויטע לעמפעלעך האבן זיך אנגעצינדן אין זיין מח, ער האט זיך באלד געוואנדן צו די שפיטאל און האט אנטפלעקט אז זיין זארג איז ריכטיג, זיין איבערגעפלאנצטע ניר האט אויפגעהערט פונקציאנירן. די דאקטורים האבן אים ערקלערט אז א ניר וואס קומט א טויטן מענטש האט א מאקסימום 'עקספערעשן דאטום' פון ביז צען יאר, און ער האט עס אויסגענוצט ביזן ענדע. אזוי האט פרדי זיך געטראפן צום צווייטן מאל אין שפיטאל באהאפטן צו די דיאליזע מאשין. און ווידער אריין אין די לאנגע ליסטע פון די וואס ווארטן, און ווער ווייסט ווען וועט אנקומען זיין רייע...

די בטיש פאמיליע האט פארגעזעצט זייער ברען אין די מצוה פון ענטפערן 'אמן', ווען זיי זענען זיך מחזק אין אמונה אין השם יתברך. און די ישועה האט צום צווייטן מאל אויפגעשיינט אין זייער הויז; עס איז געווען גאר א שווערע נאכט, נאך א טאג מיט שווערע באהאנדלונגען, פרדי און זיין פרוי האבן געפילט אז מער האלטן זיי שוין נישט אויס, און פלוצלינג האט די טעלעפאן געקלינגען אין די טאש פון פרדי...

פון די אנדערע זייט ליין איז געהערט געווארן די שטימע פון משה, זיין יונגערער ברודער וואס האט זוכה געווען זיך צו דערנענטערן צו תורה און מצוות נאך אים. זיין שטימע איז געווען געשטיקט פון טרערן ווען ער האט דערציילט אז פאר עטליכע מינוט האט ער באקומען א פאזיטיווע ענטפער, און נישט סתם 'פאזיטיוו'...

"איך האב נישט געקענט צוקוקן וויאזוי דו טוסט אזוי שטארק ליידן" - האט דער ברודער ערקלערט, "איך האב צו מיר געטראכט: דו האסט דאך מיר געשאנקען א אמת'דיגע לעבן - א לעבן פון תורה ומצוות, איז דען יעצט נישט די צייט איך זאל דיר צוריק געבן לעבן?! באהאלטערנערהייט בין איך אריבער די אלע טעסטן צי איך בין פאסיג דיך צו געבן א ניר, און די דאקטורים זענען געווען שאקירט: מיין ניר איז פאסיג פאר דיר מיט די זעקס אנטי-גענעס, נישט ווייניגער! דו ווייסט דאך שוין וואס איז די באדייט פון אזא סארט זאך, און וויפיל אויסזיכטן עס האט..." - האט דער ברודער געענדיגט זיינע איבערראשנדע ווערטער.

א קורצע צייט נאכדעם איז פארגעקומען די אפעראציע. די ניר פון משה איז ארויסגענומען געווארן פון זיין קערפער און איבערגעפלאנצט געווארן אין קערפער פון זיין עלטערער ברודער וואס איז צוריק צום לעבן...

זיין וואונדערליכער ערציילונג ענדיגט ר' פרדי מיט התרגשות:

"די אויסזוכטן צו באקומען א ניר וואס איז אינגאנצן פאסיג מיט די זעקס אנטי-גענעס, צוויי מאל, און אינצווישן אויך טרעפן אויף א וואונדערליכן וועג דעם ריכטיגן זיווג וואס איז פאר מיר באשערט געווען מן השמים - זענען ווייניגער פון נול. און טראכטן אז דאס אלעס האט זיך אנגעהויבן אין זכות פון איין ווארט - 'אמן', דאס איז אומגלויבליך! די השפעה וואס די סאך אמן'ס האבן אין הימל געטון, האט צוגעברענגט ווי עס זעהט אויס אז אלע ברכות זענען געווען קאנצענטרירט פאר אונז און פאר אונזער וועגן.

עס לוינט זיך אנשטרענגען כדי צו הערן ברכות און ענטפערן 'אמן'. ענק זענען זוכה אויף איין קורצע מינוט פון זיך אמת'דיג 'באהעפטן' צו הקדוש ברוך הוא, און ווי עס שיינט וועלן אראפקומען גוואלדיגע חסדים פאר ענק צוליב דעם. דורך ענטפערן 'אמן' באשאפן ענק א 'רוחניות'דיגע כח' וואס טוט פאר ענק און וועט ענק העלפן ענק זאלן קענען דערגרייכן די אלע מתנות און ברכות וואס ענק ווארטן אזוי שטארק אויף דעם".

עיצובים shay